די דאָזיקע לידער זינגען און דערציילן וועגן דער ליבע פֿון דעם פּאָעט און וואַגאַנט וועלוול זבאַרזשער צו דער נייטאָרין מלכּה׳לע דער שיינער.

די דאָזיקע אויסטערלישע און שיינע ליבע האָט אין מיר אָפּגעקלונגען ווי א מאָנונג. זי האָט צו מיר געטענה׳עט: דו האָסט אַמאָל געשריבן „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פֿאַרלוירן״. טאָ זאָלזשע טאַקע די דאָזיקע רגע שיינקייט באַקומען אַ תּיקון.

יאָרן־לאַנג האָבן די לידער אין מיר געדעמערט ביז זיי האָבן באַקומען פֿאָרם. אויף פּראָסט יידיש: באַקומען לשון.

באַקענט האָט זיך וועלוול זבאַרזשער מיט מלכּה׳לע דער שיינער אין רומעניע. צוליב ביז איצט נישט אויפֿגעקלערטע סיבות, האָט מלכּה׳לע געמוזט אַוועקפֿאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. וועלוול זבאַרזשער האָט ווייטער אַרומגעוואָגלט איבער רומעניע, עסטרייך, רוסלאַנד. און ערשט העט, העט, קורץ פֿאַר טויט, איז ער געקומען צו זיין געליבטער קיין סטאַמבול און אין איר הויז איז ער געשטאָרבן.

די מצבה אויפֿן קאָנסטאַנטינאָפּאָלער בית־עלמין האָט זי אים געשטעלט.

וועגן דעם דאָזיקן קאַפּיטל שטאַמלען וועלוולס ביאָגראַפֿן אַבּיסל אונטער. אומקלאָרע אָנדייטונגען. צופּעליקע רמזים און ווייטער גאָרנישט.

איך ווייס אָבער, אַז אַזוי איז דאָס געווען. מיט דער האַנט אויפֿן האַרצן שווער איך דערויף: זאָ וואַהר מיר גאָט העלפֿע!

איך ווייס נישט אויף וויפֿל מיר איז געלונגען אַלצדינג צו דערציילן און אויסצוזינגען. און אפֿשר דאַרף מען טאַקע אַזוי. דאָס סאַמע עצמדיקסטע מוז בלייבן אַ סוד. דאָס נישט דערזונגענע האָט נישט געוואָלט דערזינגען ווערן.

וויאַזוי ס׳זאָל נישט זיין, איז דאָס ביכעלע אַ פּרוּוו צו שטעלן אַ דענקמאָל דעם וואַנדערער און דיכטער וועלוול זבאַרזשער און זיין אויסטערלישער ליבע.

דאָס דאָזיקע ביכעלע ווידמע איך רחל אויערבאַך— אַ מתנה אין ליבשאַפֿט.

*איציק מאַנגער.*